**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/25/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט AIM׳ פאָטאָניקס׳ צוגעטיילט 321 מיליאן דאלער ווייטער צו בויען א שטארקע סיליקאָן פאָטאָניקס עקא-סיסטעם אין די יו-עס**

***נייע רונדע פינאנצירונג וועט ערמעגליכן נעקסט-סטעידזש אנטוויקלונג פאר קריטיש-וויכטיגע דעפענס אפליקאציעס און אנדערע פארגעשריטענע פעאיגקייטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז די אמעריקאנער אינסטיטוט פון פאבריצירן פאָטאָניקס האט זיך איינגעשאפט א נייע זיבן-יעריגע קאאפעראטיווע אפמאך מיט דער עיר-פאָרס פארשונג לאבאראטאריע און דער פארשונג פאנדעישען פון די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק, וועלכס רעכנט אריין שטיצע אין סך הכל פון 321 מיליאן דאלער.

די פינאנצירונג רעכנט אריין 165 מיליאן דאלער צוגעטיילט דורך AFRL אין נאמען פון יו-עס דעפענס דעפארטמענט און 156 מיליאן דאלער פון אנדערע קוועלער, אריינגערעכנט איבער 60 מיליאן דאלער פריער צוגעטיילט דורך ניו יארק סטעיט אלס טייל פון א 250 מיליאן דאלערדיגע פארשפרעכונג אוועקצושטעלן דער אינסטיטוט, ביישטייערער פון אנטיילנעמענדע קאמפאניס, קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן, און אנדערע סטעיט רעגירונגשאפטן. די פאָנדס וועלן געניצט ווערן צו העלפן פארזיכערן די מעניופעקטשורינג גרייטקייט פון פארגעשריטענע פאָטאָניקס, א טעכנאלאגיע וואס איז העכסט-נויטיג צו נאציאנאלע סעקיוריטי און קריטיש-וויכטיג צו די צוקונפט פון הויכע פערפאָרמענס מייקראָ-עלעקטראָניקס.

"אזוי ווי ניו יארק זעצט פאר ווייטער איבערצובויען אונזער עקאנאמיע, בלייבן מיר פאקוסירט אויף וואקסן די נייע און אויפקומענדע טעכנאלאגיע סעקטארס וואס וועלן זיין די עקאנאמישע מאטארן פון דער צוקונפט," **האט גאווערנער קעטי האקול געזאגט.** "אונטער מיין אדמיניסטראציע וועט ניו יארק טוהן אלץ וואס מעגליך צו שטיצן אונזער בעסטע מוחות אין דער צייט וואס זיי פירן אויף פאראויס די גרעניצן פון וואס איז מעגליך און מיט די פאָנדינג אין האנט קענען מיר היינט בעסער פארזיכערן אז ניו יארק און דער לאנד וועט בלייבן ביים פארנט אין דער וועלט פון טעכנאלאגישע אינאוואציע, פארשונג, און אנטוויקלונג."

**דירעקטאר פון אפיס פון אונטער-סעקרעטאר פון דעפענס׳ס טעכנאלאגיע און מעניופעקטשורינג אינדוסטריעלע באזע פראגראם ראב גאלד האט געזאגט,** "דער אויסטיילונג צייגט אויף דער דעפארטמענט׳ס אנגייענדע אנטשלאסנקייט צו אוואנסירן אינטעגרירטע פאָטאָניקס טעכנאלאגיעס אינאיינעם מיט אירע אינוועסטירונגען אין מייקראָ-עלעקטראָניקס. AIM׳ פאָטאָניקס׳ האט דערגרייכט אויסטערלישע טעכנישע סוקסעס אין איר ערשטע פינף-יעריגע אויפשטעל פעריאד אלס א מעניופעקטשורינג אינאוואציע אינסטיטוט. נאך מער פארשריטן זענען ערווארטעט אין לויף פון די קומענדע זיבן יאר אזוי ווי די דאמעסטיק אינדוסטריעלע באזע אין אינטעגרירטע פאָטאָניקס וועט זיך עלטערן."

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ טשיעף אפערעיטינג אפיסער און עקזעקיוטיוו דעפיוטי קאמישענער קעווין יוניס האט געזאגט,** "אדאנק די פארגעשריטענסטע ארבעט און פארשונג וואס

ווערט געמאכט דורך דער טיעם ביי NY CREATES און AIM׳ פאָטאָניקס׳, זעצט פאר ווייטער ניו יארק סטעיט צו זיין אנערקענט אלס א פיאָנער אין דער אויפקומענדער געביט, וועמענס אנוועדליכקייט האט די פאטענציעל איבערצושפרייזן מערערע ביזנעס מארקעטס. דער דעפענס דעפארטמענט׳ס פארצויגענע צוזאמענארבעט מיט ניו יארק וועט אונז ערמעגליכן צו ווייטער אנטוויקלען די פארגעשריטענסטע אינדוסטריע און שאפן עקאנאמישע געלעגנהייטן, סיי יעצט און סיי אין דער צוקונפט, לענגאויס דעם סטעיט."

AIM׳ פאָטאָניקס׳, הויפטקווארטירט ביי דער אלבאני נענאָטעק קאמפלעקס אין אפסטעיט ניו יארק, וועט פארזעצן איר ארבעט צו אנטוויקלען פארגעשריטענע אינטעגרירטע פאָטאָניקס פעאיגקייטן פאר א ברייטע ריי עקזיסטירנדע פראדוקטן און וועט ערמעגליכן קריטישע אנווענדונגען ווי למשל דאטע קאמוניקאציעס, טעלעקאמוניקאציעס, ליכט דערשפירן און רעינדזש׳ען (ליי-דאַר), כעמישע און ביאלאגישע דערשפירער, ארטיפישעל אינטעליגענץ, קוואנטום אפליקאציעס און קאסטום DoD אנווענדונגען.

דער אינסטיטוט איז אויך אנטשלאסן צו פארזיכערן אז עס איז פארהאן א שטארק געניטער ארבעטסקראפט צו שטיצן די אינדוסטריע דורך בילדונג און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראמען וואס שטיצן מעניופעקטשורינג איבערהאלב די גאנצע פאָטאָניקס עקא-סיסטעם. די דאזיגע אנטשלאסנקייט רעכנט אריין גרויסע קארפארעישענס, קליינע צו מיטלמעסיגע מעניופעקטשורינג קאמפאניס, אוניווערסיטעט פארשער, פעדעראלע אגענטורן, און מיטגלידער פון די פאָטאָניקס אינדוסטריע סופליי-טשעין.

**סענאטאר טשאָק שומער האט געזאגט,** "יעצט מער ווי אלעמאל איז קריטיש-וויכטיג אז מיר זאלן אינוועסטירן אין די טעכנאלאגיעס פון דער צוקונפט און שטיצן ערשטראנקיגע פאָטאָניקס עקא-סיסטעם פון אלבאני ביז ראטשעסטער און נאך ווייטער. דער באדייטנדע ביישטייערונג וועט נישט נאר פארשטערקערן אונזער נאציאנאלע זיכערהייט, נאר עס וועט אויך פארשטערקערן און אוואנסירן אונזער לאנד׳ס פאָטאָניקס אינדוסטריע צו פרעזערווירן אמעריקע׳ס פארמעסטערישע צושטאנד אין מעניופעקטשורינג פאר פילע דורות אין דעם צוקונפט."

**סענאטארקע קירסטען דזשיליברענד האט געזאגט,** "די אינוועסטירונג אין פאָטאָניקס פארשונג און אנטוויקלונג איז קריטיש-וויכטיג צו אונזער נאציאנאלע זיכערהייט אינטערעסן. ניו יארק איז פון שטענדיג אן געווען א פירער אין פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג און איך וועל ווייטער קעמפן צו פארזיכערן אז AIM׳ פאָטאָניקס׳ און אנדערע ניו יארק אינסטיטוציעס האבן די רעסאָרסן וואס זיי דארפן פארצוזעצן ווייטער די פארגעשריטענסטע פארשונגען."

**קאנגרעסמאן דזשאו מארעל האט געזאגט,** "ניו יארק איז שוין ביים סאמע פארנט פון פארגעשריטענע אָפטיקס און פאָטאָניקס, און דער דערהייטערנדער אויסטיילונג וועט ווייטער צעמענטירן אונזער ארט אלס א פירער אין אלוועלטליכע אינאוואציע. אלס א מיטגליד פון די האַוס אַרמד סערוויסעס קאמיטע און גרונדער פון דער קאנגרעסיאנעלע אָפטיקס און פאָטאָניקס קאוקוס, בין איך ספעציעל באגייסטערט איבער די געלעגנהייטן וואס די פינאנצירונג פרעזענטירט צו פארשטערקערן אונזער דעפענס טעכנאלאגיעס און שטיצן אונזערע אַרמד פאָרסעס. איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האקול און אונזערע פילע רעגירונג צוזאמענארבעטער פאר זייער אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו אוואנסירן ניו יארק׳ס אינאוואציע עקאנאמיע."

**קאנגרעסמאן פאול טאָנקא האט געזאגט, "**שטארקע אינוועסטירונגען אין מעניופעקטשורינג טעכנאלאגיעס טוהען אנבאטן באדייטנדע רווחים פאר אונזער פאלק, שטיצנדיג א גאר געניטע ארבעטסקראפט, דערמוטיגנדיג עקאנאמישע וואוקס און פארשטערקערן אמעריקאנער פארמעסטערישקייט אין אויסלאנד. די פינאנצירונג פארשטערקערט ווייטער ניו יארק סטעיט אלס א פירער אין פארשונג און אנטוויקלונג און אין דער זעלבער צייט פארשטערקערן אונזער נאציאנאלע

זיכערהייט. מיין דאנקבארשאפט צו די בליק פון AIM׳ פאָטאָניקס׳ און אלע די וועלכע ארבעטן אינאיינעם ארויסצובויען יו-עס מעניופעקטשורינג און פאָטאָניקס טעכנאלאגיעס."

AIM׳ פאָטאָניקס׳ האט אנטוויקלט א פראצעס דעזיין קיט וואס שטיצט עלעקטראנישע פאָטאָניקס דעזיין אוטאמעישען (EPDA) פון טשיפ צום פעקעדזש. אינאיינעם מיט איר מולטי-פראיעקט וועיפער פראגראם און אייגנארטיגע טעסט, אסעמבלי, און פעקעדזשינג פעאיגקייטן, וועט דאס ערמעגליכן פאר דעזיינערס צו פאבריצירן זייערע דעזיינס ביי א פראקציע פון די קאסטן געוועגליך פארבינדן מיט פראָטאָטייפ אנטוויקלונג.

AIM׳ פאָטאָניקס׳ איז אנערקענט איבער׳ן לאנד פאר שאפן די וועלט׳ס ערשטע אפענע צוטריט קאמפלעט סיליקאָן פאָטאָניקס מעניופעקטשורינג עקא-סיסטעם וואס שטיצט איצטיגע און צוקונפטיגע פאָטאָניקס טעכנאלאגיעס. AIM׳ס עקא-סיסטעם גיבט די פאָטאָניקס אינדוסטריע, דער אקאדעמישע פארשונג קאמיוניטי, און די DoD צוטריט צו א פולער ריי דעזיין געצייג, פארגעשריטענע וועיפער פאבריצירונג, טעסטינג, און טשיפ פעקעדזשינג טעכנאלאגיעס דורכאויס די גאנצע פראדוקט אנטוויקלונג רעדל. די ארבעט ווערט דורכגעפירט ביי דעם טעסט, אסעמבלי און פעקעדזשינג (TAP) איינריכטונג אין ראטשעסטער, ניו יארק, און ביי דער אלבאני נענאָטעק קאמפלעקס, וועלכס איז באזיצט און אפערירט דורך NY CREATES און איז אנערקענט אלס דער מערסט פארגעשריטענע, פובליק באזיצטע סעמיקאנדוקטאר R&D ארט אין דעם לאנד.

**דר. טאד עי. לאורסאן, עקטינג פרעזידענט פון SUNY פאליטעכניק אינסטיטוט און פארזיצער פון דער AIM פאָטאָניקס פירערשאפט קאונסיל, האט געזאגט,** "מיר זענען אייגנארטיג אויסגעשטעלט צו גיבן אן איבערצייגטע, פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג ענווייראנמענט וואס איז העכסט-נויטיג פאר די עוואלוציע פון אינטעגרירטע פאָטאָניקס. אונזער ציל איז צו ווייטער צו העכערן אינדוסטריע, אקאדעמישע און רעגירונג אנטיילנעמונג אין די קאמערציעליזאציע פון דער קריטיש-וויכטיגער טעכנאלאגיע דורך געבן אומפארגלייכבארע צוטריט צו די פארגעשריטענע אינפראסטרוקטור וואס נויטיגט זיך צו שטיצן די גאנצע עקאנאמישע רעדל פון סיי איצטיגע און סיי צוקונפטיגע אינטעגרירטע פאָטאָניק אנווענדונגען."

**דעיוויד הארמע, טשיעף אפערעיטינג אפיסער פון AIM׳ פאָטאָניקס׳, האט געזאגט,** "דאס איז א צייט פון גיך-טוישנדע אויפקומענדע אנווענדונגען ניצנדיג סיליקאָן פאָטאָניקס. עס וועלן זיין וויכטיגע נייע אנווענדונגען אין דער צוקונפט און די אינוועסטירונג אין AIM׳ פאָטאָניקס׳ וועט אפעקטירן די סיליקאָן פאָטאָניקס יו-עס עקא-סיסטעם דורך גיבן צוטריט צו פריער-אומדערהערטע פאָטאָניקס טעכנאלאגיע."

**וועגן AIM׳ פאָטאָניקס׳**

AIM׳ פאָטאָניקס׳ איז איינע פון ניין מעניופעקטשורינג אינאוואציע אינסטיטוטס (MII) אוועקגעשטעלט און פארוואלטעט דורך דער יו-עס דעפארטמענט אוו דעפענס אויסצוניצן אינאוואציע און קאמערציעלע בעסטע אויפפירעכצער אין די פארשריטן פון דעם לאנד׳ס פארמעסטערישע טעכנאלאגיע פירערשאפט און זיכערהייט אינטערעסן. AIM׳ פאָטאָניקס׳ איז אויך א מיטגליד פון דער מעניופעקטשורינג USA נעטווארק, וועלכס זוכט צו שאפן יו-עס אלוועלטליכע פירערשאפט אין פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג. געפונט אויס מער ביי www.aimphotonics.com.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418